© copyright 2003 AFII

(קאַפּיטל ניין) פּרק ט

[1] און גייענדיק פֿאַרבײַ, האָט רבי, מלך המשיח געזען אַ עִיוֵר מאַן (בלינדער) פֿון געבורט.

[2] די תּלמידים פֿון רבי, מלך המשיח האָבן אים געפֿרעגט, רבי, ווער איז באַגאַנגען עבֿירות, דער איינער מאַן אָדער זײַנע הורים (עלטערן), וואָס ער איז עיוֵר געבוירן?

[3] אין ענטפֿער, רבי, מלך המשיח האָט געזאָגט, ניט דער מאַן האָט געזינדיקט און ניט זײַנע הורים, נאָר אַז די פּעלות פֿון השם זאָלן באַוויזן ווערן אין אים.

[4] עס איז נויטיק פֿאַר אונדז צו טאָן די פּעלות פֿון דעם איינעם האָבנדיק מיר געשיקט בעת עס איז יום. לילה קומט ווען קיינער קען ניט טאָן אַרבעט.

[5] אַזוי לאַנג ווי איך בין אין דעם עולם הזה, בין איך דער אוֹר העולם.

[6] האָבנדיק געזאָגט די זאַכן, האָט ער געשפּיגן אויף דער ערד און געמאַכט ליים פֿון דער שפּײַעכץ און ער האָט צעשמירט די ליים אויף דעם מאַנ'ס אויגן,

[7] און געזאָגט צו אים, זיי וואַש זיך אין דעם באַסיין פֿון שלוח! (דער נאָמען מיינט געשיקט). איז געגאַנגען ער דערפֿאַר און זיך אָפּגעוואַשן און איז געקומען און געקענט זען.

[8] דעריבער,די שכֵנים און די איינע זעענדיק דעם מאַן וואָס איז געווען פֿריער אַ קבצָן (בעטלער), זײַנען געקומען, זאָגנדיק, איז דאָס ניט דער מאַן וואָס פֿלעגט זיצן און בעטלען?

[9] אייניקע האָבן געזאַגט, דאָס איז דער איינער! אנדערע האָבן געזאָגט, ניין, אָבער עס איז אַ מאַן וואָס קוקט אויס ווי ער

אָבער דער מאַן דערציילט אַז איך בין דער איינער!

[10] דערפֿאַר האָבן די מענטשן געזאָגט צו אים, ווי אַזוי, דאן, זייַנען דייַנע אויגן געוואָרן אָפן?

[11] אין ענטפֿער, האָט דער מאַן געזאָט, דער איינער וועמען מען רופֿט יהושע האָט גענומען ליים און האָט אָנגעשמירט מייַנע אויגן און האָט געזאָגט צו מיר, גיי צום שלוח און וואַש זיך. דעריבער, בין איך געגאַנגען, און האָבנדיק זיך, אָפּגעוואַשן, האָבּ איך געזען!

[12] און זיי האָבן גערעדט צו אים, וואו איז דער איינער? דער מאַן זאָגט צו זיי, איך האָבּ ניט דעת וועגן דעם.

[13] די מענטשן האָבן געפירט דעם מאן צו די פּרושים, דער מאַן וואָס איז פֿריער געווען עִוֵור (בּלינד).

[14] איצט די צייַט ווען רבּי, מלך המשיח האָט גענומען די ליים און געעפֿנט זייַנע אויגן איז געווען אַ שבּת.

[15] דאַן אויך האָבּן די פּרושים ווידער אים געפרעגט ווי אזוי זיינען זייַנע אויגן געעפֿנטן געוואָרן און דער מאַן האָט געזאָגט צוָ זיי, דער מאַן האָט געלייגט ליים אויף מייַנע אויגן און איך האָב זיך אָפּגעוואַשן, און איך קען זען.

[16] דעריבער האָבּן אייניקע פֿון די פּרושים געזאָגט, דער מענטש איז ניט פֿון השם, ווייַל ער איז ניט שומר שבּת. אָבּער אנדערע האָבּן געזאָגט, ווי קען אַ מענטש אַ חוטא (זינדיקער) טאָן אזעלכע אותות (נסימדיקע צייכנס)? עס איז געוואָרן אַ מַחלוֹקֶת (חילוקי דעוח) צווישן זיי.

[17] דעריבּער, האָבּן זיי געזאָגט צו דעם עיוור (בּלינדן מאַן) ווידער, וואָס קענסט דו זאָגן וועגן אים, ווייל ער האָט דייַנע אוויגן געעפנט? און דער מאַן האָט געזאגט, ער איז אַ נָבִֿיא.

[18] דעריבּער, האָבּן די פֿון יהודה ניט געגלויבּט אַז דער מאַן איז געווען עִוֵר (בּלינד) בּיז זיי האָבּן געפרעגט די הורים פֿון דעם

מאַן וועמעס אויגן זייַנען אָפֿן געוואָרן.

[19] און זיי האָבן געפרעגט די הורים, זאָגנדיק, איז דאָס אייַער בֶּן,
וועגן וועמען איר דערציילט איז געבוירן עיוור? ווי אזוי,
דעריבער, קען ער איצט האָבן ראיה?

[20] אין ענטפֿער, דעריבער, זאָגן זיינע הורים, מיר האָבן דעת אַז דער
מאַן איז אונדזער בֶּן און אַז ער איז געווען עיוֵר פון זייַן געבורט,

[21] אָבער מיר האָבן ניט דעת ווי אזוי ער זעט איצט און מיר האָבן
ניט דעת ווער עס האָט געעפֿנט זייַנע אויגן. פֿרעגט אים אויס.
ער האָט געהאַט זייַן בַּר מצוה (ער איז שוין דער וואַקסן, האָט
זייַנע לעגאַלע אַרן) און איז גענוג אַלט. ער וועט רעדן פֿאַר זיך
אליין.

[22] זייַנע עלטערן האָבן געזאָגט די זאַכן, ווייַל זיי האָבן מורא
געהאַט פאַר די פֿון יהודה, ווייַל די פון יהודה האָבן שוין
צוגעשטימט אַז אויב עמיצער וועט מאַכן אַ הוֹדָאָה (קאָנפֿעסיע)
אַז ער זאָל זייַן דער רבי, מלך המשיח, דער מענטש וועט ווערן
אַרייַנגעזעצט אין חֵרֶם אויסגעשלאָסן פֿון דער שול,

[23] דערפֿאַר, האָבן זיינע הורים געזאָגט, ער האָט דערגרייכט זייַן
רעליגיעזע מייַאָריטעט און איז גענוג אַלט .פרעגט אים אויס.

[24] דעריבער האָבן זיי א צווייטן מאָל גערופן, דעם מאַן וואָס איז
געווען עיוור ( בלינד) און געזאָגט צו אים, וְתֵן לו תודה. (גיב
כבוד צו השם ). מיר האָבן דעת אַז דער מאַן איז אַ חוטֵא
(זינדיקער).

[25] דערפֿאַר אין ענטפֿאַר, האָט ער געזאָגט, אויב ער איז אַ חוטֵא
(זינדיקער) ,וועגן דעם האָב איך ניט דעת . פֿון איין זאַך האָב
איך דעת, אַז כאָטש איך בין געווען עיוור, איצט קען איך זען

[26] דערפֿאַר, האָבן זיי אים געפרעגט, וואָס האָט ער געטאָן צו דיר?
ווי האָט ער דיינע אויגן געעפֿנט?

[27] דער מאַן האָט זיי געענטפֿערט, איך האָב אייַך פֿריער דערציילט,

און איר הערט ניט. פֿאַרוואָס דאַרפֿט איר דאָס ווידעך הערן? זיכער ווילט איר ניט אויך ווערן זייַנע תּלמידים?

[28] און זיי האבן חוזק געמאַרט פֿון אים און געזאָגט, דו ביסט דעם מאַן'ס תּלמיד, אָבער מיר זייַנען תּלמידים פֿון משה רבינו.

[29] מיר האָבן דעת אַז השם האָט גערעדט צו משה רבינו, אָבער מיר האָבן ניט דעת פֿון וואַנען דער מענטש קומט.

[30] אין ענטפֿער, האָט דער מאַן געזאָגט צו זיי, דאָס איז אַן אמתע חפצא! אז איר האַט ניט דעת פֿון וואַנען ער קומט, און ער האַט מיינע אויגן געעפנט!

[31] מיר האָבן דעת אַז ג-ט הערט זיך ניט צו חוטאים (זינדיקע), אָבער אויב איינער האָט חסידות און יראת שָׁמַיִם און טוט דעם רצון (ווילן) פֿון אים, הערט ג-ט דעם איינעם.

[32] קיינמאָל ווי באַלד (זינט) די בריאת העולם (די באַשאַפֿונג פֿון דער וועלט) איז עס געהערט געוואָרן אַז איינער האָט געעפנט די אויגן פֿון אַן עיוור ( בלינדן מאַן) וואָס איז אַזוי געבוירן געוואָרן.

[33] אויב דער מאַן וואָלט ניט געווען פֿון השם, וואָלט ער גאָרניט געקענט טאָן.

[34] זיי האָבן געענטפֿערט זאָגנדיק צו אים, דו ביסט געבוירן אין גאָנצן בעון (אין זינד) און דו לערנסט אונדז? און זיי האָבן אים ארויסגעוואָרפֿן.

[35] רבי, מלך המשיח האָט געהערט אַז זיי האָבן אים ארויסגעוואָרפֿן, און, ווען ער האָט אים געפֿונען, האָט רבי, מלך המשיח געזאָגט, האָסטו אמונה (גלויבן) אין דעם בֶּן האָדם?

[36] אין ענטפֿער, האָט דער מאַן געזאגט, און ווער איז ער, אדוני, אַז איך זאָל קענען האָבן אמונה אין אים?

[37] און רבי, מלך המשיח האָט געזאָגט, דו האָסט אים געזען, און דער איינער וואָס רעדט מיט דיר איז ער.

[38] און דער מאַן האָט געזאָגט, אני מַאַמין, אדוני. און ער איז אנידער געפאַלן כּורעים פֿאַר אים.

[39] און רבּי, מלך המשיח האָט געזאָגט, צוליבּ דעם  משפּט, בּין איך געקומען אין דעם עולם הזה, אַז די איינע וואָס זייַנען עיורם (בּלינדע די) זאָלן זען,און די איינע וואָס זעען זאָלן ווערן עיורים.

[40] אייניקע פֿון די פּרושים האבּן געהערט די זאַכן די איינע וואָס זיינען געווען מיט אים און זיי האָבּן געזאָגט צו אים, זיכער זיינען מיר ניט עיורים, זיינען מיר?

[41] רבּי, מלך המשיח האָט געזאָגט צו זיי, אויבּ איר וואָלט געווען עיורים (בלינדע מענער), וואַלט איר ניט געהאַט חֵטְא, אָבּער איצט ווי בּאַלד (זינט) איר זאגט, מיר קענען זען, פֿארבּלייבּט אייַער חֵטְא .